NYC teenspace

# איבער Talkspace: אפט געפרעגטע פראגן פאר עלטערן און אויפציהער פון קינדער

אנגעצויגנקייט אין שולע, באציאונגען, פראבלעמען מיט פריינט — לעבן אין די צענערלינג יארן איז נישט אייביג גרינג. דורך דעם נייעם פראגראם, NYC Teenspace (NYC צענערלינג ספעיס), רופט זיך ניו יארק סיטי אפ מיטן גיבן פאר צענערלינגען אין די סיטי צווישן 13 און 17 צוטריט צו א Talkspace טעראפיסט, צו גייסטישע געזונטהייט מיטלען און מער, **פריי פון אפצאל.**

## וויאזוי עס ארבעט

- אייער צענערלינג קינד גייט צו **talkspace.com/nyc** און לייגט אריין זייער געבורטס דאטום און אדרעס צו ווייזן אז זיי זענען בארעכטיגט.
- זיי ענטפערן עטליכע פראגן איבער זיך און איבער וויאזוי זיי ווילן באקומען טעראפיע.
- זיי וועלן ארייינלייגן די אימעיל אדרעס פון איינער פון די עלטערן אדער זייערע אויפציהער, און אן אימעיל וועט געשיקט ווערן צו באקומען אייער צושטימונג.
- צענערלינגען ווערן געוויינטליך צוזאמגעפארט מיט א טעראפיסט ביז 24 שעה, און דער טעראפיסט ווערט אויסגעוועהלט לויט די שוועריקייטן מיט וואס די צענערלינגען מוטשענען זיך און לויט די ספעציאליטעט פון דעם טעראפיסט, צווישן אנדערע.
- אייער צענערלינג קען האבן איין לעבעדיגע ווידעאו אפוינטמענט פער חודש און אומבאגרעניצטע מעסעדזשעס מיט דעם טעראפיסט. טעראפיסטן ענטפערן געוויינטליך יעדן טאג, פינף טעג א וואך.
- אייער צענערלינג וועט אויך האבן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט איבונגען און צו קורסעס באגלייט מיט אקטיוויטעטן דורך די Talkspace Go עפ.




גערעדנעט צו אייך דורך NYC Health

Yiddish

# אפט געפרעגטע פראגן

**ווער איז בארעכטיגט און וויפיל קאסט דאס?**
דער פראגראם איז פאר סיי וועלכער NYC איינוואוינער וואס איז צווישן 13 און 17 יאר אלט, און עס איז אינגאנצן אומזיסט.

**צי זענען די Talkspace טעראפיסטן לייסענסירט און קוואליפיצירט צו ארבעטן מיט צענערלינגען?**
Talkspace טעראפיסטן זענען לייסענסירט אין סאָושעל ווארק, פראפעסיאנאלע קאונסעלינג און אין שלום בית און פאמיליע טעראפיע, און זיי האבן אלע די נויטיגע סערטיפיקאציעס אויף די סטאנדארטן פון די נאציאנאלע קאמיטע פאר קוואליטעט פארזיכערונג (National Committee for Quality Assurance, NCQA). Talkspace טעראפיסטן זענען טרענירט געווארן צו ארבעטן מיט מענטשן אין יעדן עלטער, אריינרעכנענדיג צענערלינגען, און זיי קענען אדרעסירן א ברייטע רייע פון גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וואס פלאגן יונגע מענטשן.

**צי זענען דא טעראפיסטן וואס רעדן שפראכן חוץ פון ענגליש?**
Talkspace האט טעראפיסטן וואס קענען גיבן טעראפיע אין איבער 30 אנדערע שפראכן, און זיי שטעלן צו איבערזעצונג שטיצע פאר 120 שפראכן. אויב אייער צענערלינג וויל האבן א טעראפיסט וואס רעדט א שפראך וואס איז נישט ענגליש, אדער אויב זיי דארפן איבערזעצונג שטיצע, פארבינדט אייך מיט אונזערע איינגעשטעלטע אויף [help.talkspace.com/hc/en-us/requests/new](help.talkspace.com/hc/en-us/requests/new).

**צי פארלאנגט זיך צושטימונג פון די עלטערן?**
צושטימונג פון די עלטערן (אדער לעגאלע אויפציהער) איז פארלאנגט דורך דעם געזעץ, אויסער אונטער ספעציעלע אומשטענדן, ווי פארגעלייגט אין די סטעיט'ס "גייסטישע וואוילזיין געזעץ" (Mental Hygiene Law). אייער צענערלינג וועט געבעטן ווערן צו איבערגעגעבן אייער קאנטאקט אינפארמאציע אלס עלטערן/אויפציהער, און Talkspace וועט אייך שיקן אן אימעיל אז איר זאלט אונטערשרייבן א צושטימונג בויגן.

**צי קען איך זיך פארבינדן מיט דעם טעראפיסט פון מיין צענערלינג?**
עלטערן/אויפציהער קענען זיך פארבינדן מיט דעם טעראפיסט אין יעדע צייט אויב עס איז דא א דרינגנדע זארג; דער טעראפיסט וועט אבער מעגליך נישט קענען מיטטיילן אינפארמאציע איבער אייער צענערלינג אן די צושטימונג פון אייער צענערלינג. אייער צענערלינג קען גיבן זייער צושטימונג דורכן אויספילן דעם פריוואטקייט און באגרעניצונגען בויגן אויף [help.talkspace.com/hc/en-us/article_attachments/11096705277723](help.talkspace.com/hc/en-us/article_attachments/11096705277723) און עס אריינשיקן דורך אימעיל צו [recordrequest@talkspace.com](mailto:recordrequest@talkspace.com) צו איבערגעקוקט ווערן.

**וויאזוי קען איך זיין זיכער אז די אינפארמאציע פון מיין צענערלינג ווערט באשיצט?**
די Talkspace פלאטפארמע פאלגט אויס די פאדערונגען פון דעם העלט אינשורענס באוועגיגקייט און פאראנטווארטליכקייט אקט (Health Insurance Portability and Accountability Act, HIPPA), א פעדעראלער געזעץ וואס באשיצט עמפינדליכע געזונטהייט אינפארמאציע פון פאציענטן. צו לערנען מער, באזוכט [hhs.gov/hipaa/for-individuals/index.html](hhs.gov/hipaa/for-individuals/index.html). די אינפארמאציע פון קליענטן ווערט באהאלטן מיט ענקריפשען סיי ווען עס זיצט אויפן דאטא-בעיס און סיי ווען עס ווערט אריבערגעפירט פון און צו די כלי פון אייער צענערלינג.

**פאר ווי לאנג קענען צענערלינגען בלייבן איינגעשריבן אין NYC Teenspace?**
דער פראגראם וועט אנגיין ביז נאוועמבער פון 2026. אויב א קליענט ווערט 18 בעפאר דעמאלטס, קענען זיי ווייטער ארבעטן מיט זייער טעראפיסט ביז יוני 30 פון די יאר ווען זיי ווערן 18, און דאן וועט דער טעראפיסט איבערגיין אפציעס פאר ווייטערע הילף מיט דעם קליענט.

**צי איז אנליין טעראפיע ווירקזאם?**
שטודיעס ווייזן אז טעראפיע דורכן זיך שרייבן מיט מעסעדזשעס קען זיין פונקט אזוי ווירקזאם ווי געווענטליכע טעראפיע צו באהאנדלען די מערסט-פארשפרייטע עמאציאנאלע און אויפפירונג געזונטהייט פראבלעמען, ווי צום ביישפיל דעפרעסיע, ענקזייעטי, אדיקשען, אנגעצויגנקייט, גייסטישע פראבלעמען נאכפאלגנדיג א טראומאטישע געשעעניש (post-traumatic stress disorder, PTSD) און נאך.

# אנדערע פראגן?

באזוכט ביטע [talkspace.com/nyc](talkspace.com/nyc) צו זעהן ענטפערס אויף אלע אפט געפרעגטע פראגן.